# לידער

## ישׂראל נעקראַסאָוו

אין דער פֿינצטערניש פֿליט אַ פֿאַרשפעטיקטע באַן,
אין אַ טונקל גערויש אָנגעטאָן.
און אַ שיכּורער שלאָפֿט אויף אַ הילצערנער באַנק
אינעם גרינעם געראַמען וואַגאָן.

אינעם שטראַל ווערן סאָסנעס און טאָפאָלן גרין
אויף אַ ווײַלע און שוואַרץ נאָך אַנאַנד,
און די רעלסן אַנטלויפֿן. פֿאַר וואָס און וווהין
פֿירן זיי די פֿאַרבלאָנדזשעטע באַן?

אין דער פֿינצטערניש האָט אַ געשריי זי געטאָן
און פֿאַרשווונדן ווערט ווו-ניט-איז ווײַט,
נאָר אַ רויטע לאַמטער פֿונעם לעצטן וואַגאָן
שטעלט אַ פונקט אויף דער בלוי-שוואַרצער זײַט.

---

אַלץ דאַרף מען בײַטן, צום באַדויער,
מיר האָבן שוין אַ לעב געטאָן.
געעפֿנט איז אַ נײַער טויער,
דאָס נײַע לעבן הייבט זיך אָן.

פֿאָרויס, צו ווײַטע גרינע ברעגן
פֿון טיפֿע בליצנדיקע טײַכן,
צו ביימער, גראָזן, בערג און רעגן,
צו שניי, צו האָגל און דאָס גלײַכן.

פֿאָרויס! מע טאָר ניט נפֿטר ווערן
ניט אָן קיין לוין, ניט אָן קיין שטראָף.
מיר זעען אונדזער וועג ביז קערן,
און דאַכט זיך, אַז ביז סאַמע סוף.